**תמצית הגליון:**
הויפט מאמר
מוסר השכל
צידה לדרך
מעשה רב


# אַ פָּסוּק חוּמָשׁ
## חיזוק פאר די וואך

כִּי הֵם חַיֵּינוּ וְאֹרֶךְ יָמֵינוּ, וּבָהֶם נֶהְגֶּה יוֹמָם וָלָיְלָה.


בעזרת השי"ת ▪ חג השבועות תש"פ ▪ גליון עה'


# "פארוואס האב איך נישט קיין נערוון צו לערנען?"

### די געוואלדיגע מוסר השכל וואס מיר לערנען זיך ארויס פון רות המואביה

## בזמן מתן תורתינו...

פון איין זייט, הערן מיר כסדר נאך פון קינדוויז אן **טוב לי תורת פיך מאלפי זהב וכסף**, די בעסטע זאך אויף דער וועלט איז דער תורה. פארט, זעהן מיר נישט אז יעדער זאל וועלן און נאכלויפן די תורה. יעדער וויל זיין אן עושר אדער א בוזנעס מאן, אבער א מתמיד, א תלמוד חכם איז דא ווייניג וואס ווילן זיין. פארוואס איז דא אזוי אז דער טייערסטע זאך אויף דער וועלט זאל זיין אזוי פארהוילן?

ווען איז מען זוכה צום דעם וְהַעֲרֶב נָא ה' אֱלֹהֵינוּ אֶת דִּבְרֵי תוֹרָתְךָ?

### לאמיר לערנען א פסוק חומש, און באקומען חיזוק פאר די הייליגע יום טוב....

**אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ וְאֶת מִצְוֹתַי תִּשְׁמְרוּ וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם.** (ויקרא כו, ג)

זאגט רש"י: וואס מיינט "**אם בחקתי תלכו**"? בפשטות, וואלט איך געטייטשט אז מען זאל מקיים זיין די תורה, אבער וויבאלד עס שטייט דאך ווייטער אין פסוק "**ואת מצותי תשמרו**", הרי קיום המצות אמור, דעמאלט וואס קען מיינען "**אם בחקתי תלכו**"? ענטפערט רש"י: **שתהיו עמלים בתורה**, מען זאל זיך פלאגן אין לערנען...

לכאורה דארף מען פארשטיין, וואס מיינט די ווערטער **שתהיו עמלים בתורה**? אויב איז דער מכוון דא אז מען זאל זיצן און לערנען, און מברר זיין הלכות על בוריה, פארוואס רופט דאס רש"י אן מיט די לשון "**עמלים**" **בתורה**? דער פעולה איז דאך א פעולה פון עסק בתורה, התמדת התורה, די בעסטע און געשמאקסטע תענוג, פארוואס רופט מען דאס אן "א פלאג"?

צו וואלטן מיר געזאגט אויף איינער וואס פארדינט שיין פון זיין בוזנע"ס אז ער פלאגט זיך? יא, ער ארבעט שווער אבער ער פלאגט זיך נישט!

יעדן אינדערפרי, איידער מיר הייבן אן לערנען, מאכן מיר דעם ברכה, **בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ לַעֲסוֹק בְּדִבְרֵי תוֹרָה**. מיר זאגן נישט "לעמול בתורה"![א]

זאגט דער הייליגער צאנזער רב בספרו דברי חיים: אמת, אזא איינער וואס איז שוין אויסגעארבעט און ער דינט דעם באשעפער מתוך אהבה, ער טוט מצות און לערנט תורה מחמת גודל אהבה, ביי אזא איינעם איז טאקע **לא מקרי עמל כלל**, ביי אים איז דאס נישט קיין שום פלאג, אדרבא דאס איז פאר אים א מנוחה, **וכן האמת דמחמת האהבה נחשב כל עמל כלא.**

דאס וואס רש"י זאגט דא **שתהיו עמלים בתורה**, רעדט מען טאקע דייקא פון אזא איינער וואס האט נישט ליב צו לערנען און דער תורה איז אים א פלאג. פאר אים קומט רש"י און איז מחדש, **בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ**, אפי' ער האט נישט קיין נערוון, ער האט נישט קיין געדולד, דאך זאל ער זיצן און לערנען. און יא, דאס הייסט **בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ, דאס הייסט פיין געלערנט!**

איי, ער איז דאך נישט אינטערעסירט, **אמר רב יהודה, אמר רב: לעולם יעסוק אדם בתורה ובמצוה, אפילו שלא לשמה, שמתוך שלא לשמה - בא לשמה** (סנהדרין קה:). סוף כל סוף, המאור שבה יחזירו למוטב. (עיי"ש בדברי חיים פרשת בחקותי).

צוביסלעך, וועט דער תורה אריינגיין אין זיין הארץ!

~

### לאמיר פארשטיין דעם ענין!
### וואס מאכט א מענטש יא אדער נישט האבן נערוון?

די גמרא דערציילט (ב"מ פד.): דער תנא רבי יוחנן איז געשטאנען ביים טייך און געשמועסט. פלוצלינג, זעהט אים ריש לקיש פון די אנדערע זייט טייך און ווערט זייער נתפעל פון זיין צורה. תיכף, געבט ריש לקיש א שפרינג אריבער דעם טייך צו דער אנדערע צייט נעבן ר' יוחנן. רבי יוחנן, זעענדיג זיין געוואלדיג כח, זאגט צו ריש לקיש, "**חילך לאורייתא**, אזא כח קען זיין זייער שטארק ביים לערנען תורה." ר' יוחנן זאגט אים צו, "אויב קומסטו צוריק לערנען תורה, געב איך דיר מיין שוועסטער פאר א כלה." און... ריש לקיש האט מסכים געווען.

---

[א] עי' ט"ז (מז, א) שביאר כוונת הברכה ללמוד תורה בדרך טורח פלפול ומשא מתן... ואעפ"כ לא אמרינן עמל.


פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון קענט איר זיך פארבונדען מיטן עורך:
torah10952@gmail.com

דערציילט די גמרא ווייטער: תיכף דערנאך האט ריש לקיש געוואלט צוריק אריבערגיין צו די אנדערע זייט טייך אבער עס גייט אים נישט, ער האט נישט געקענט!

**לאמיר אריינקלערן וואס האט דא פאסירט אין דער ביסל צייט?**
בשלמא, אויב ריש לקיש וואלט זיך תיכף געזעצט לערנען און דערנאך פרובירט צוריק אריבערגיין דעם טייך, וואלטן מיר דאס פארשטאנען, ווייל **התורה מתשת כחו של אדם**, נאכן לערנען, פארלירט מען דער כח. אבער דא רעדט מען דאך נאך איידער ריש לקיש האט בכלל אנגעהויבן לערנען, ער האט ס"ה נאר מסכים געווען צו לערנען, פארוואס קען ער שוין נישט צוריק אריבערגיין?

זאגן די בעלי מוסר[ב] א געוואלדיגע חידוש!
באמת, האט ריש לקיש נאך יעצט אויך געהאט דער כח אין זיינע לענדן און דאס וואס ער האט נישט געקענט אריבערגיין דעם טייך איז נישט געווען צוליב זיין כח, נאר צוליב דעם רצון וואס ער האט יעצט פארלוירן. דהיינו, איינמאל ריש לקיש האט מקבל געווען אויף זיך "איך גיי לערנען תורה. איך גיי אפלאזן דעם גשמיות. און איך גיי זיך מדבק זיין מיט רוחניות", האט ער שוין נישט געהאט דעם גרויסע אינטערעסע צו שפרינגן דעם טייך און אז זיין רצון איז נישט שטארק, קען ער דאס שוין נישט טוהן.

ווי דער כלל איז: **ווען א מענטש איז זייער אינטערעסירט אין א זאך, וועט ער טרעפן כח. משא"כ, ווען א מענטש איז נישט אינטערעסירט אין דעם זאך, פארלירט ער שנעל זיין כח.**

**און דאס פאסירט ליידער ביי די המון עם, יעדער מיט זיינע ריכטיגע סיבות, אבער הצד השוה, איז ער נישט צו שטארק אינטערעסירט!**

**ווען דער מענטש זאל טוישן זיינע ווערטער פון "איך האב נישט קיין כח אדער נערוון", צו "איך פארשטיי נישט דעם ווערד!", וואלט ער אסאך שנעלער פארשטאנען דעם ווערד!**

פלאגן, פלאגט זיך נאר איינער וואס וויל נישט דער זאך אדער האט נישט קיין הנאה פון וואס ער טוט. איינער וואס וויל די זאך און פארשטייט די ווערד, פאר אים איז דאס די בעסטע הנאה!

**לֹא הִבִּיט אָוֶן בְּיַעֲקֹב וְלֹא רָאָה עָמָל בְּיִשְׂרָאֵל...** (במדבר כג, כא).
טייטשט דער אוהח"ק אין איינע פון די פשטים (גם נתכוון לומר): בלעם זאגט דא די גרויסקייט און די מעלות פון כלל ישראל בענין התורה והמצות. **וְלֹא רָאָה עָמָל בְּיִשְׂרָאֵל**... הגם וואס כלל ישראל פלאגט זיך און מוטשעט זיך ביים לערנען אדער מקיים זיין מצות, דאך שפירן זיי נישט קיין מידקייט אדער שוועריקייט, עס איז פאר זיי בכלל נישט קיין פלאג. **וז"ל: שהצדיקים הגם שעושים מצות, וכל עסקם בתורה, אינם מרגישים שיש להם עמל... אלא אדרבא כאדם המרויח, וכאדם המשתעשע בשעשועים, לרוב חשקם בתורה**.

עס איז פאר זיי א פארגעניגען, ווי לענגער און ווי מער!

# ערפה גייט און רות בלייבט!

## וַתִּשֶּׂנָה קוֹלָן וַתִּבְכֶּינָה עוֹד, וַתִּשַּׁק עָרְפָּה לַחֲמוֹתָהּ וְרוּת דָּבְקָה בָּהּ.

(רות א, יד)

זאגט דער משגיח (רבי משה שוואב זצ"ל בספרו מערכי לב חלק ג'): איינע פון די טעמים פארוואס חז"ל האבן מתקן געווען צו ליינען מגילת רות ביום מתן תורתינו, איז כדי זיך ארויסצולערנען פון רות המואביה, ווי אזוי מען דארף צוגיין צו קבלת התורה!

אין די פסוקים פון ח' ביז יד' געפונען מיר ווי **נעמי** געזעגנט זיך פון איר צוויי שנירן **ערפה** און **רות** און בעט זיי, "ביטע בלייבט נישט מיט מיר, מיר מוזן זיך שיידן." די צוויי שנירן נעמען דאס אן זייער שווער. זיי ווילן בלייבן מיט זייער געטרייע שוויגער, זיי ווילן בלייבן מיט די אידן און ווילן נישט צוריקגיין צו זייערע גוי'ישע היימען. זיי הייבן אן וויינען, אבער נעמי איז זיי מסביר אז עס איז נישט גוט פאר זיי און זאגט, "פאר אייער טובה און פאר מיין טובה, בעט איך אייך, לאמיר זיך יעצט געזעגענען."

זאגט דער פסוק: **וַתִּשֶּׂנָה קוֹלָן וַתִּבְכֶּינָה עוֹד**, נאכן גאנצע הסבר פון נעמי, הייבן זיי נאכאמאל אן וויינען, אבער דאס מאל **וַתִּשַּׁק עָרְפָּה לַחֲמוֹתָהּ**, זעענדיג אז זי האט נישט קיין ברירה, האט ערפה זיך געזעגנט און צוריק געגאנגען, אבער **וְרוּת דָּבְקָה בָּהּ**, רות גייט נישט אין ערגעץ, זי בלייבט קלעבן צו איר שוויגער. נעמי פרובירט נאכאמאל זיך איינבעטן, אבער נאך די שטארקע ווערטער פון רות, "**בַּאֲשֶׁר תָּמוּתִי אָמוּת וְשָׁם אֶקָּבֵר... כִּי הַמָּוֶת יַפְרִיד בֵּינִי וּבֵינֵךְ**." האט נעמי נאכגעגעבן און **וַתֶּחְדַּל לְדַבֵּר אֵלֶיהָ**...

**לאמיר זיך א מינוט מתבונן זיין!**
ביידע שנירן שטייען און וויינען איינמאל און נאכאמאל, ביידע שנירן שרייען אז זיי ווילן נישט צוריק אהיים גיין, זיי ווילן בלייבן א איד, על אף וואס נעמי בעט זיך ביי זיי יא צו גיין! וואס פאסירט פלוצלינג אז ערפה ברעכט זיך **וַתִּשַּׁק עָרְפָּה לַחֲמוֹתָהּ**, און רות שטייט ווייטער ביי איר עקשנות **וְרוּת דָּבְקָה בָּהּ**. מה נשתנה רות מערפה??

זאגט דער משגיח: לאמיר א קוק טוהן וואס רות האט געזאגט ועי"ז וועלן מיר פארשטיין וואס האט געפעלט פאר ערפה.

**וַתֹּאמֶר רוּת אַל תִּפְגְּעִי בִי לְעָזְבֵךְ לָשׁוּב מֵאַחֲרָיִךְ... בַּאֲשֶׁר תָּמוּתִי אָמוּת וְשָׁם אֶקָּבֵר... כִּי הַמָּוֶת יַפְרִיד בֵּינִי וּבֵינֵךְ**. רות זאגט, "איך גיי בשום אופן נישט אהיים, נאר דא מיט דיר וועל איך שטארבן!" ווייל זי האט פארשטאנען אז איר גאנצע לעבן איז נאר ווערד אויב זי האט דער תורה. אויב קען זי נישט זוכה צו דער תורה, איז איר לעבן קיין לעבן נישט!

ד"ה: נישט אז זי איז זיך מוסר נפש און זי געבט יעצט אוועק איר לעבן פאר די תורה, נאר פארקערט! **די תורה געבט איר לעבן!**

---

[ב] עי' בספר דרכי מוסר מאת הגאון ר' יעקב ניימאן זצ"ל

משא"כ, איר שוועסטער ערפה[ג], האט געהאט אן אנדערע בליק. זי האט אנגעקוקט דעם התקרבות ווי זי איז זיך מוסר נפש פאר די תורה. אמת, זי האט זייער געוואלט זיין נאנט צו די תורה, אבער וויבאלד איר מחשבה איז געווען אז זי גיבט זיך אוועק פאר תורה, דערפאר נאך עטליכע הסברים אז עס איז נישט כדאי פאר איר, איז אוועקגעפאלן איר גאנצע בנין, ווייל אז זי איז דער וואס גיבט, קען דאך זיין צייטן ווען עס איז שווער צו געבן!

משא"כ, ווען א מענטש ווייסט אז ער איז דער וואס נעמט, פון דעם איז ער יונק זיין חיות, איז קיינמאל נישט שייך צו זאגן אז יעצט נישט! ער וויל דאך נישט שטארבן...

**זאגט דער משגיח: דאס איז אונזער מוסר השכל ביום מתן תורתינו הק', לדעת אז ווען עס קומט צו תורה, איז איינע פון די הויפט קניני התורה צו וויסן וויאזוי מען שאצט איר! און טאקע נאר אזא איינער וואס ווייסט ווי אזוי איר מעריך צו זיין, ער איז זוכה צו די תורה.**

ווען א מענטש קוקט אן דעם גשמיות ווי אן אמת'ע הנאה און דער תורה פאר א צווייטע הנאה, און דארף כסדר אוועקגעבן פון זיך כדי צו לערנען תורה, אזא איינער ווערט שנעל מיד און פאלט ארויס. אבער אזא איינער וואס פארשטייט אז דאס איז יְקָרָה הִיא מִפְּנִינִים וְכָל חֲפָצֶיךָ לֹא יִשְׁווּ בָהּ, ער גיבט גארנישט אוועק, נאר אדרבא פארקערט, ער שטייט ביים שיסל און נעמט, אזא איינער ווערט נישט מיד און פארלירט נישט זיין כח צו לערנען אין יעדע פרייע צייט...

**כי הם חיינו ואורך ימינו ובהם נהגה יום ולילה.**

## ברכות התורה!

זאגט דער פני יהושע (ברכות יא, בא"ד): דערפאר האבן די חכמים מתקן געווען אז ברכות התורה זאל זיין די ערשטע ברכה אינדערפרי, פאר סיי וועלכע ברכה.

**כיון שעיקר בריאת האדם בכל העולם לא נברא אלא בשביל תורה...** וויבאלד דער עיקר סיבה פון באשאפן דער מענטש און דער וועלט איז נאר צוליב דער תורה, כדכ' **אם לא בריתי יומם ולילה** וגו', איז די וויכטיגסטע און חשוב'סטע זאך גלייך ביים אויפשטיין- ברכת התורה. און דאס קומט פאר סיי וועלכע פון די אנדערע ברכות השחר, וואס זענען בעיקר ברכת הודאה מענין עולם הזה ועניני הגוף, ווייל דאס איז די וויכטיגסטע.

ד"ה, גלייך אינדערפרי שוין ביים זאגן ברכת התורה, ווייזן מיר ארויס אונזער הערכה און שעצונג צו די תורה, און דאס ברענגט אונז צו צו התמדת התורה וקיום העולם. אבער ליידער, ווען מיר זענען נישט מחשיב די תורה ח"ו, קענען מיר נישט זוכה זיין צו העכערס, ועי"ז נעמט מען צו פון אונז א חלק פון דער וועלט.

פירט אויס דער פנ"י: **ואפשר שזה פי' הגמרא בנדרים באמרם על שלא ברכו בתורה תחילה...**

ווי די גמרא זאגט (ב"מ פה): פארוואס איז דער בית המקדש חרוב געווארן? **אמר רב יהודה אמר רב שלא ברכו בתורה תחילה.** און ווי דער ר"ן איז דארט מסביר, האט דער עולם דעמאלטס פיין געלערנט, עס האט זיי נישט געפעלט קיין התמדת התורה, די פראבלעם איז געווען דייקא שלא ברכו בתורה תחילה.

דהיינו, ווי דער ר"ן זאגט דארט **כלומר שלא היתה התורה חשובה בעיניהם כ"כ, שיהא ראוי לברך...** עס איז נישט געווען אזוי חשוב פאר זיי אז מען זאל דארפן מאכן א ברכה אויף דעם איידער מען טוט דאס. דהיינו, עס האט זיי געפעלט די חשיבות התורה, די קדושת התורה, זיי האבן נישט מחשיב געווען און מעריך געווען ביסודו פארוואס דארף מען לערנען, זייער גאנצע צוגאנג איז ליידער געווען נאר לצורך דברים הגשמיים להנאתם, לידע הדינים לצורך משא ומתן... (עי' באריכות דברי הב"ח או"ח סי' מ"ז)

דער אמת'ע חשיבות און אמת'ע טעם האבן זיי נישט געהאט! עס איז נישט געווען קיין קדושת התורה ברמ"ח אברינו ושס"ה גידינו. זיי האבן זיך נישט מבטל געווען פאר די תורה און זיך נישט מקשר געווען צו דעם נותן התורה. דערפאר, האבן זיי נישט געקענט זוכה זיין צו זיין א מרכבה פאר די שכינה הק'.

## א"ר אלעזר הכל מודים בעצרת דבעינן נמי לכם מ"ט יום שניתנה בו תורה הוא.

**(פסחים סח:)**

זאגט דער הייליגע קדושת לוי: נאר ביי שבועות, דארף איך עקסטער זאגן דעם "לכם", ווייל איך וויל אז דער גוף זאל אויך הנאה האבן. ווייל נאר אין די יו"ט, שטייט דער גוף אינדערזייט.

רצה לומר: פסח, וואס די שמחה איז א גשמיות'דיגע שמחה, מען פריידט זיך אז מען איז ארויס מעבדות לחרות, דארף מען נישט זאגן אז עס דארף זיין "לכם", **דהוא טוב הגופני**, דער גוף פריידט זיך!

אמנם שבועות, וואס די שמחה איז א רוחניות'דיגע שמחה, מען פריידט זיך אז מען האט היינט באקומען די תורה, דעמאלטס איז שווער פאר גוף זיך צו פרייען, **דהא מתן תורה הוא רק טובות רוחניות!** לזה אמרו בעצרת דבעינן נמי לכם, שישמח הגוף.

ווי אזוי טוט דער גוף זיך מיטפרייען? ע"י **שיאמין שהתורה חיי עולם הבא ועולם הזה, ובזה יתעלה גופו ג"כ.**

ביום השבועות, זאגן מיר פארן גוף אז די תורה איז נישט נאר א רוחניות'דיגע זאך, עפעס פאר עוה"ב, נאר אפי' בעוה"ז, איז דאס מיין לעבן, עס איז געשמאק און זיס. **כי טוב סחרה מכל סחורה!**

~

**ביום חג השבועות הזה, ווען מיר מאכן דעם שהחיינו אויפן יו"ט, וועלן מיר זיך פריש באנייען מיטן**

**עצם קבלת התורה,**

[ג] עי' מד"ר ששני אחיות היו, בנות עגלון מלך מואב

## לאמיר זיך איינ'חזר'ן די דריי עצות פון די גמרא!

מה יעשה אדם ויחכם? אמר להן ירבה בישיבה וימעט בסחורה. אמרו הרבה עשו כן ולא הועיל להם? אלא יבקשו רחמים ממי שהחכמה שלו שנאמר (משלי ב, ו) כי ה' יתן חכמה מפיו דעת ותבונה. (נדה ע:)

דריי עצות זאגט אונז דא די גמרא: 1- **ירבה בישיבה**, זיץ מער און לערן אין ביהמ"ד. 2- **וימעט בסחורה**, ארבעט אביסל ווייניגער. 3- **יבקשו רחמים**, בעט פונעם באשעפער, "וְהַעֲרֶב נָא ה' אֱלֹקֵינוּ אֶת דִּבְרֵי תוֹרָתְךָ." און ווי די גמרא פירט דארט אויס: **דהא בלא הא לא סגיא**.

**ווען איינער מיינט דאס אמת'דיג, ער פלאגט זיך און וויל ליב האבן די תורה, וועט ער צום סוף זוכה זיין צו שפירן איר זיסקייט.**

יַעֲרֹף כַּמָּטָר לִקְחִי תִּזַּל כַּטַּל אִמְרָתִי... (דברים לב, ב) טייטשט דער שפת אמת: **יַעֲרֹף כַּמָּטָר לִקְחִי**. לשון קשה, תחילה צריך האדם לעמול וללמוד מתוך יגיעה וצער, ורק לאחר מכן, **תִּזַּל כַּטַּל אִמְרָתִי** איז ער זוכה שהתורה תתברך במעיו. **תחילתו מר וסופו מתוק.**

---

# צידה לדרך

**רמי בר פפא רפרם בר פפא.**

ווער ווייסט דען נישט אלע נעמען פון די בני רב פפא, וואס מיר זאגן ביי יעדע סיום?! רמי בר פפא רפרם בר פפא. צו האט איר זיך שוין אמאל געוואונדערט פארוואס רב פפא מיט זיינע צען קינדער האבן זוכה געווען צו ווערן דערמאנט ביי יעדע סיום?

זאגט דער ים של שלמה (ב"ק סוף פ"ז, בשם הרמ"א): דאס איז וויבאלד די אלע בני רב פפא זענען געווען מאורי וגדולי בתורה.

ער איז ווייטער מסביר: ווי אזוי האט רב פפא זוכה געווען דערצו? **כי עשיר היה, והיה מחזיק לעוסקי התורה.** רב פפא האט מעריך געווען און געשעצט תורה. ער איז געווען א גרויסע עושר אבער ער האט גענוצט זיין גאנצע געלט ארויסצוהעלפן און שטיצן די לומדי התורה. דערפאר, האט ער זוכה געווען צו 10 הייליגע און לעכטיגע קינדער!

ווי אנדערע ספרים לייגן צו: נישט נאר אז זיינע אלע קינדער זענען געווען מאורי וגדולי בתורה, נאר זיי האבן אויך כסדר געדאווענט און געבעטן אז זיי זאלן האבן א חלק אין תורה אויף די וועלט און אויף יענער וועלט.

אזעלכע מוקרי ולומדי תורה, זיי זענען זוכה דערמאנט צו ווערן ביי יעדע סיום.

# מוסר השכל

פארוואס וויל יעדער זיין אן עושר און א בוזנעס מאן, אבער א מתמיד, א תלמוד חכם, איז דא ווייניג וואס ווילן זיין?

**די תירוץ איז וייל עס זענען דא ווייניג וואס ווייסן ווי אזוי מען איז באמת מעריך תורה!**

די עולם הזה קוקט אויס גוט און צועדיג, און מען קען דאס קונה זיין זייער גרינג און שנעל! אבער קונה זיין תורה דארף מען הארעווען, עס קען זיך שפירן תחילתו מר און הערשט נאך די יגיעה, ווערט דאס מתוק מדבש. דערפאר, די מענטשן וואס ווייסן נישט איר ריכטיגע ווערד, פארלירן שנעל זייער געדולד. אבער איינער וואס שעצט תורה און וויל תורה, ער מאכט אן אנדערע חשבון!

ליינט וואס דער דער חכם איז שרייבט אין א בריוו צו זיינס א תלמיד.

וז"ל: **יש בחינות רבות בחשקי האדם ותאוותיו**, עס זענען דא פיל מדריגות אין די תאוות און רצונות פון א מענטש. א מענטש גליסט זיסע זאכן וויל דער גוף שפירט דאס און האט א געוויסע איינגערעטע הנאה און עס מאכט אים פרייליך במדה מסוימת.

**אעפ"כ, איז דער הנאה גופניות אודאי נישט בכח און נישט קיין פארגלייך זיך צו קריגן מיט דער אמת'ע עונג וואס קומט פון זיך פלאגן אין תורה.** דער עונג איז עפעס וואס דער נשמה אליין האט הנאה פון און זי ווערט דערהויבן גאר הויך פון דער וועלט, העכער און העכער **עד שמי השמים ונהנים מזיו החכמה העליונה.** און דאס איז דער גרעסטע און די מערסטע טובה וואס איז געגעבן געווארן פאר דער איד אויף דער וועלט!

פירט אויס דער חזו"א: דערפאר פרעג איך אייך, **עד כמה עלך בידך לחוש במיחושי בני אדם כי הכל הבל, אחרי שיש כח באדם לאור באור החיים ולהשתעשע בבינה עילאה משמחת לבו ונפש.**

ד"ה: יא, עס איז דא א כוח המדומה וואס פאר'נאר'ט און מאכט הנאות גופות אויסקוקן אינטערסאנט. אבער קעגן דעם, אויב מיר ווען קוקן וועלכע הנאה מען דערלייגט, איז דאס קיין שום פארגלייך!

---

לויט וויפיל הערכה מיר האבן צו תורה, אזוי וועט זיין אונזער צוגאנג צו די תורה. **אדרבא מאכט אליין דעם חשבון:**

ווען דו האסט אן איבריגע מינוט, גייסטו לערנען אדער זיכסטו וואס נאך דו קענסט אויפטוהן פאר דיין בוזנעס?!

ווען מען געבט דיר א ברכה, ווילסטו ענדערש זוכה זיין בתורה, אדער ענדערש אין עשירות?

**אינעם הייליגן יום טוב שבועות, לאמיר זיך אויסוויינען ביי אהבה רבה, אז מיר זאלן שפירן א זיסקייט אין תורה און פארשטיין איר אמת'ע ווערד!**

---

**הערות פון די ליינער:** בנוגע דעם ענין וואס איר האט געשריבן פאריגע וואך אז נעמען פון א מענטש ווייזן אויף זיין פנימיות, שיק איך איין דא א שיינעם רמז פונעם שפתי כהן, וואס זאגט געוני דאס: וַיִּקַּח מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן אֵת הָאֲנָשִׁים הָאֵלֶּה אֲשֶׁר נִקְּבוּ בְּשֵׁמוֹת. די סופי תיבות פון די ווערטער "האלה אשר נקבו בשמות" איז **תורה**, צו ווייזן אז די אלע נשיאים האבן זייער גוט געקענט לערנען די תורה און וועגן דעם זענען זיי געווארן נשיאים.

מאת בנימין פ.

פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון אדער צו באקומען אויף אי-מעיל קענט איר זיך פערבונדען מיטן עורך:
torah10952@gmail.com